בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאֲרְן שַׁבָּת טִישׁ

וְוילַאנְג מֶען לֶעבְּט,
קֶען מֶען נָאךְ פַאֲרְרֶעכְטְ

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 10

פַאֲרְרֶעכְטְן דִי צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער; גֶעבְּט מִיר דִי רֶעקְל וֶועל אִיךְ דָאס פַאֲרְנֵייעֶן אֵיידֶער דִי לֶעכְט לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס״.

דֶער צַדִּיק שְׁפְּרִינְגְט אוֹיף אוּן זָאגְט: ״אוֹ זָאגְט אִיר גוּט, אִיר רֶעדְט דָאךְ צוּ מִיר; דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ אַ לִיכְט, אִיז וְוילַאנְג מֶען לֶעבְּט, וְוי לַאנְג דִי נְשָׁמָה אִיז אִין מִיר – קֶען מֶען נָאךְ פַאֲרְרֶעכְטְן, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדֶאסְנֵיי״.

דֶער צַדִּיק קוּמְט אִין שׁוּל אוּן זָאגְט: ״מוֹרַי וְרַבּוֹתַי טֵייעֶרֶע אִידְן, דֶער שְׁנַיידֶער זָאגְט ׳וְוי לַאנְג דֶער לֶעכְטְ׳ל בְּרֶענְט נָאךְ, פַאֲרְרֶעכְט עֶר דִי צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער׳, לָאמִיר זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לָאמִיר פַאֲרְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים וְוילַאנְג מִיר לֶעבְּן״.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט״א אין ׳קול ברסלב׳
טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

## וִוילַאנְג מֶען לֶעבְּט, קֶען מֶען נָאךְ פַארְרֶעכְטְן

וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיין צֶערִיסֶענֶע רֶעקְל? אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אַ צֶערִיסֶענֶע קְלֵייד; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט צֶערִיסֶענֶע, וָואס טוּ אִיךְ?

לָאמִיר פְּרוּבִּירְן בַּיי יַעֲנְקֶל דֶער שְׁנַיידֶער, אֶפְשָׁר אִיז עֶר נָאךְ אוֹיף, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר מִיר נָאךְ קֶענֶען פַארְנֵייעֶן מַיין רֶעקְל.



דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֵייט בַּיינַאכְט אִין דִי טוּנְקֶעלֶע גַאס, עֶר קוּמְט אָן צוּם שְׁטוּבּ פוּן יַעֲנְקֶל שְׁנַיידֶער אוּן קְלַאפְּט. יַעֲנְקֶל שְׁנַיידֶער עֶפְנְט דִי טִיר, עֶר זֶעט דֶעם צַדִיק שְׁטֵיין אוּן פְרֶעגְט: "רֶבִּי, וָואס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן?" דֶער צַדִיק זָאגְט: "בִּיז וֶוען זֶענְט אִיר אָפְן? וֶועט אִיר נָאךְ הָאבְּן צַייט צוּ פַארְנֵייעֶן מַיין רֶעקְל?"

זָאגְט דֶער שְׁנַיידֶער: "רֶבִּי, וִוילַאנְג דֶער לֶעכְטְ'ל בְּרֶענְט נָאךְ קֶען אִיךְ